# פרשת עקב י"ב - י"ח אב תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת עקב***
לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, ולבן הר"ר **יואל לאנדא** הי"ו, ולבן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו, שהתקיים בשכונת מסורה וואוד"ס.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, שהתקיים באולם ראלי האטעל.

*

***יום רביעי פרשת עקב***
בשעות אחר הצהרים הגיע **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** לביקור אצל מחותנו **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***
**רבינו:** ווי אזוי שפירט מען זיך?
**האדמו"ר מוויזניץ:** ב"ה, מען איז געקומען אויף א שמחה (שמחת הברית לבן הנולד אצל נכדו הרב **שלום שמחה האגער** שליט"א), און מען בלייבט אויף נאך א שמחה, די בר מצוה (של בן בנו **הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א**), און די פדיון הבן. כשם שנכנס לברית, אזוי ווי מען פארט אויף א ברית, כן יכנס לתורה, די בר מצוה.
איך האב אמאל געזאגט, אז אלע שמחות זענען מרומז אין דאסווארט 'טוב'. ותרא אותו כי טוב (שמות ב-ב), שנולד מהול (סוטה יב.), מילה איז טוב. ושמחת בכל הטוב (דברים כו-יא), אין טוב אלא תורה (אבות ו-ג, עיין **באור החיים הק'**), דאס איז א בר מצוה. א חתונה איז מצא אשה מצא טוב (משלי יח-כב). אמר רבי יהודה אמר רב, לעולם יכנס אדם בכי טוב, ויצא בכי טוב (תענית י:), מען זאל גיין אויף שמחות, און קומען אויף שמחות.
**רבינו:** עס איז היינט א יום טוב, חמשה עשר באב.
**האדמו"ר מוויזניץ:** לא היה ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב (בבא בתרא קכא.). מען זאגט נאך פונעם **אפטער רב** (הובא **בבני יששכר** אב ד-א), אז דאס גייט ארויף אויפן אות ס' (האות החמשה עשר בא' ב').
**רבינו:** בחור שא נא עיניך, וראה מה אתה בורר לך (משלי לא-ל).
**האדמו"ר מוויזניץ:** דער מחותן רוהט זיך אויס אביסל דא אין קעמפ?
**רבינו:** ב"ה געלויבט דער אייבערשטער.
**האדמו"ר מוויזניץ:** עס איז שטיל און רואיג. הוי גולה למקום תורה (אבות ד-יד) מוז דאך נישט זיין קיין גלות.
**רבינו:** עס איז דא א ראיה דערויף, ווייל ווען מען גייט אין די סוכה איז מען מתפלל אז עס זאל זיין במקום גלות. און מען האט א שיינע סוכה מיט נוי סוכה, איז א סימן אז עס קען זיין א שיינע גלות אויך.
**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** די בחורים לערנען דא אויסערגעווענליך פלייסיג.
**האדמו"ר מוויזניץ:** דער טאטע ז"ל פלעגט זאגען, איך פאר אוועק, מען דארף צומאכען די טעלעפאון. איך געדענק אמאל אז ער איז געגאנגען שפאצירן אין די שווייץ, און עס איז געווען א יוד וואס האט געהייסען רבי מאיר ראזענבוים, ער איז געווען א יעקע, און ער איז געווארן א חסיד. די וועלט זאגט, אז א יעקע וואס ווערט א חסיד, איז נאך שטערקער. איז ער געגאנגען שפאצירן מיטן טאטען, און אני הקטן. און מען האט זיך עפעס פארבלאנדזעט אינעם וואלד. און עס איז געווען דארט אזא טיפע מערה אין א בארג אונטער ביימער. רופט זיך אן דער טאטע צו דעם רבי מאיר, רבי מאיר דו זעהסט, דא וואלט איך געוואלט בלייבען. געב מיר א ש"ס מיט א רמב"ם, א שלחן ערוך, חסידישע ספרים, ראשונים ואחרונים אביסל, א ספרים שאפע, און איך בלייב דא. עס איז נישט דא קיין טעלעפאון דא, מען קען זיצען און לערנען רואיג. ער איז געווען א יעקע, און ער האט געמיינט אז דער טאטע בלייבט דארט..., געט ער אזא געשריי, ניין, ניין, רבי אונז וועל מיר דאס נישט צולאזען, אונז דארף מיר האבען דעם רבי'ן...
איך בין אדורכגעפארען דא אזוי אין די קאנטרי, עס איז אזוי רואיג דא. איינע פון די מ"ח דברים שהתורה נקנית בהם איז ישוב הדעת (אבות ו-ו). רוב תנאים ואמוראים זענען געווען אין צפת טבריה און גליל. עס איז געווען א אויר צח, קען מען רואיג לערנען.
**רבינו:** איך האב געלערנט יעצט אין די גמרא אין מסכת מגילה (בחבורת **'ובהם נהגה'**) די גמרא (ו.) זאגט

אויף טבריה, שטובה ראייתה. תוספות טייטשט טובה ראייתה, אז עס האט אסאך פעלדער, און די פאנאראמע דערפון איז זייער שיין. א טייל ראשונים זאגען דארט, אז די אויר דערפון איז טוב.

**האדמו"ר מוויזניץ:** אין טבריה איז גראדע הייס.

**רבינו:** און פון דעסטוועגן דאך זאגט מען אז די אויר דערפון איז טוב.

**האדמו"ר מוויזניץ** (הגיב בכניסת הרב **בנימין פאפלאנאש** שליט"א ר"מ בישיבתנו הק'): **די גמרא** (בבא בתרא ח:) ברענגט, אז אויף א מגיד שיעור, א מלמד, גייט ארויף דער פסוק (דניאל יב-ג) ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד. וואס האבען די כוכבים צו טון מיט א בחור אדער א יונגעל וואס מען לערנט מיט זיי תורה. א שטערן ווען מען זעהט עס פון דא, איז עס זייער קליין. עס איז דא שטערנס וואס זענען פופציג מאל גרעסער ווי די וועלט, עס איז נאר זייער ווייט פון די וועלט. זאגט מען פאר דעם מחנך, הער מיך צו, דו זאלסט וויסען, דו קוקסט אן דעם בחור, ער איז א יונגער בחור, אבער באמת איז ער א גאנצער וועלט. עס קומט ארויס פון אים דורות, און אלץ געדענקט ער וואס ער האט געלערנט אין ישיבה[א].

---

[א] יצויין בזה דברי **רבינו שליט"א** באסיפת מנהלי תלמודי תורה מרחבי ניו יארק במלון הילטאן ג' תולדות העעל"ט: די גמרא (בבא בתרא ח:) זאגט, ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד (דניאל יב-ג), לערנען תורה מיט יודישע קינדער, דאס הייסט מצדיקי הרבים, און כל שכן די מנהלים, וואס שטייען איבער דעם. און דער פסוק זאגט, אז די מצדיקי הרבים וועלן לייכטן ככוכבים לעולם ועד, אזוי ווי שטערנס וואס לייכטן אויף שטענדיג. דער ענין פארוואס ער רופט זיי אן אז זיי זענען ככוכבים, אזוי ווי די שטערנס. ביי די שטערנס שטייט אין פסוק (תהלים קמז-ד), מען זאגט עס יעדן טאג ביים דאווענען, מונה מספר לכוכבים לכולם שמות יקרא, דער אייבערשטער ציילט די שטערנס, און יעדער שטערן האט זיין נאמען. די מצדיקי הרבים וואס לערנען תורה מיט יודישע קינדער, זיי וויסן אז א יודיש קינד איז נישט נאך א נאמבער אין די קלאס, נאך א קינד צוגעקומען, נאר יעדעס קינד איז א עולם מלא פאר זיך, א שטערן וואס קען אליין לייכטן, און א שטערן וואס קען באלייכטן פאר אנדערע. מען דארף באטראכטן א יעדע קינד, ווי ער איז א עקסטערע שטערן פאר זיך. יעדע זאך וואס האט א נאמען, באדייט אז דאס איז א דבר מיוחד, וואס ווערט אנגערופן מיט דעם און דעם נאמען. יעדע בעל חי האט זיין נאמען, יעדע זאך אין דער וועלט האט זיין נאמען, ווייל דאס ברענגט ארויס וואס די זאך איז. דער אייבערשטער האט מיליאנען כוכבים אין הימל, און לכולם שמות יקרא, אלעס איז מיט א חשבון, יעדע זאך האט זיך זיין נאמען, וואס דער אייבערשטער רופט אים עקסטער, צו ווייזן די חשיבות פון די כוכבים.

די מלמדי תינוקות וואס לערנען תורה מיט יודישע קינדער, דארפן באטראכטן יעדעס קינד מיט א עקסטערע חשיבות, ער האט א עקסטערע נאמען פאר זיך. עס איז נישט דא צוואנציג קינדער אין די קלאס, צו דרייסיג קינדער אין די קלאס, נאר יעדעס קינד איז א יחיד במינו פאר זיך אליין. איז די שכר פון די מצדיקי הרבים, אז זיי לייכטן שפעטער אויך, ככוכבים לעולם ועד. ווייל זייער ארבעט אויף די וועלט איז צו באטראכטן יעדעס קינד אז ער האט אויך א נאמען פאר זיך, ער איז א כוכב פאר זיך אליין.

היינט לעבל'ט מען דאך א גרויסע טייל פון די קינדער. דאס קינד האט די עי. בי. סי., דער אנדערער האט א צווייטען נאמען וכדומה. און אסאך מאל איז מען אים מזניח וועגן דעם. ער איז א שווער קינד, פון אים וועט ממילא קיין סאך נישט אויסוואקסן. און מען טוט פארקוקן וואס די תועלת פונעם דעם קינד איז. א קינד איז א שטערן! יעדעס קינד האט א עקסטערע נאמען פאר זיך, ער איז א עקסטערע בריה פאר זיך, דער אייבערשטער האט אים אראפגעשיקט אויף דער וועלט, און דער אייבערשטער האט א נחת רוח פון אים. ווי אזוי, און וואס, און ווען, דארף מען נישט אלץ פארשטיין, אבער מען דארף צושטעלן פאר יעדעס קינד, דאס בעסטע וואס מען קען טון פאר אים. איז די מצדיקי הרבים, וואס זיי טוען באטראכטן יעדעס קינד מיט א נאמען עקסטער, זיי זענען ככוכבים לעולם ועד. עס וועט זיין אסאך מצדיקי הרבים לעתיד, פון אלע דורות וואס וועלן זיך צוזאמקומען, און יעדער איינער וועט האבן דעם זכות צו זיין מיט א עקסטערע נאמען פאר זיך, ווייל דאס איז געווען זיין ארבעט אויף דעם עולם.

די כוכבים זענען אנדערש ווי די זון און די לבנה. די זון און די לבנה גייען שטענדיג, די זון שיינט אויף, און עס גייט אראפ, און די לבנה האט זיין גלגל. אבער די שטערנס זענען דא סיי בייטאג און סיי ביינאכט. בייטאג זעהט מען זיי נישט, נאר ווען עס איז טונקל דעמאלטס לייכטן זיי. און אזוי איז די עבודה וואס מען לייגט אריין אין יודישע קינדער. ווען עס גייט אלעס גוט, איז דאך אלעס גוט, עס דערקענט זיך נישט אזוי ווייט די חינוך וואס מען האט אריינגעלייגט אין זיי. אבער ווען עס קומט נסיונות, ווען עס קומט טונקל, ווען עס קומט שוועריקייטן, דעמאלטס קומט ארויס די ערליכקייט און די חינוך וואס א קינד האט באקומען אינעם שטוב און אין תלמוד תורה, און עס הייבט דעמאלטס אן צו לייכטן. זיי זענען ככוכבים, ווען די זון שיינט דערקענט מען נישט זייער ליכטיגקייט, אבער אין די פינסטערע זמנים דעמאלטס הייבט אן ארויסצושיינען די ליכטיגקייט וואס איז דא אין זיי.

איך מיין צו זאגן א דרך ווי אזוי מען דארף מחנך זיין קינדער, וואס איז מרומז אין דעם וואס דער פסוק איז מדמה ככוכבים לעולם ועד. איך פארשטיי אז מען האט היינט גערעדט איבערן טאג אלע ערליי שיטות ווי אזוי מען דארף מחנך זיין, שטרענג צו נישט שטרענג, מיט ווייעכקייט וכדומה. ווי אזוי עס איז אמאל געווען, און ווי אזוי די זאכן טוישן זיך. עס איז דא זאכן וואס האבן זיך געטוישט אפילו אין אמעריקא. איך בין אויך א פראדוקט פון אמעריקא, איך בין אויך נתחנך געווארן דא. ווי אזוי עס איז אמאל געווען עלטערן וואס האבן מחנך געווען קינדער, און ווי אזוי די תלמוד תורה'ס האבן מחנך געווען. עס איז אמאל געווען דער חושך שבטו שונא בנו (משלי יג-כד), עס איז געווען מיט א געוויסע שטרענגקייט, און עס האט געארבעט דעמאלטס.

אמאל האט א קינד נישט געהאט קיין סאך ברירות, מען איז געשטאנען אויף אים, און ער האט געוואוסט אז ער דארף פאלגן, און ער דארף טון וואס מען הייסט אים. ער האט נישט געקענט טראכטן אפילו פון איבערלאזן א שטוב, פון אוועקגיין. אפילו ווען ער איז עלטער געווארן, האט ער נישט געהאט וואו צו גיין, ער האט נישט געהאט וואו ער זאל זיך וואלגערן. און כל שכן אינדערהיים, וואו מען איז אויסגעגאנגען פאר א שטיקל ברויט, מען זאל האבן וואס צו עסן, מען זאל האבן א פלאץ וואו צו שלאפן, קוים האט ער עס געהאט אין שטוב. אויב ער איז ארויסגעגאנגען אויף די גאס, האט ער זיך געקענט ארומדרייען ווי א שטיין, ער האט נישט געהאט גארנישט, האט ער זיך געמוזט צושטעלן צום שטוב. – עס איז געווארן היינט א נייע וועלט, א פרייע וועלט, א אפענע וועלט, מען גיט צו עסן, מען גיט צו טרינקן, מען גיט דירות, אלעס וואס מען קען נאר באקומען, און ער לאזט איבער די עלטערן'ס שטוב. און ממילא האט זיך געטוישט די גאנצע מצב ארום און ארום, ווי אזוי מען קען היינט מחנך זיין קינדער.

איך האב אמאל געהערט זאגן, אז דער פסוק זאגט ביי א בן סורר ומורה (דברים כא-יח) כי יהיה לאיש בן סורר ומורה, איננו שומע בקול אביו ובקול אמו, ויסרו אותו, ולא שמע אליהם. פשוט פשט איז די טייטש, ויסרו אותו, אז מען האט אים געווארענט אז מען וועט אים שטראפן, און עס האט נישט געהאלפן. איך האב געהערט אמאל טייטשן, אז דער פסוק רעדט זיך אפ, פארוואס איז ער געווארן א בן סורר ומורה, ווייל ויסרו אותו, וועגן דעם איז ולא ישמע אליהם. ער האט נישט געקענט דערהייבן די 'פרעשער', ער האט נישט געקענט דערהייבן וואס מען איז געווען שטרענג צו אים, איז וועגן דעם איז ער אוועקגעגאנגען, און ער הערט נישט צו אונזער קול.

מען דארף אבער האבן ביידע, שמאל דוחה וימין מקרבת (סנהדרין קז:), פון איין זייט דארף זיין דער שמאל דוחה, און פון איין זייט דארף זיין א ימין וואס איז מקרב. שמאל איז דאך די שוואכע זייט, שמאל דוחה, ווען מען דארף דוחה זיין, דארף עס זיין מיטן שמאל, אבער וימין מקרבת. עס איז היינט זייער וויכטיג מקרב צו זיין, קאמפלימענטירן, און געבן פארן קינד זיין 'עטענש"ן' ווי מען רופט עס. זיין דערהויבנקייט וואס מען קוקט ארויף אויף אים, און דעמאלטס קען מען אסאך גרינגער מוסר זאגן, און מען קען אויפטון ביי דעם קינד. - איך האב געהערט פון א מחנך, האט ער אמאל געזאגט, אז **פאר יעדע פינעף מינוט וואס מען זאגט מוסר, דארף מען קודם געבן א שעה ליבשאפט פאר דעם קינד, כדי ער זאל קענען אויפנעמען די מוסר וואס מען גיט.** ווען ער באקומט פון איין זייט אז מען איז אים מחשיב וכדומה, איז נאכדעם גייט אריין די מוסר וואס מען זאגט, און מען קען אים זאגן מוסר, און ער איז נישט בועט אויף דאס וואס ער הערט.

די זון מיט די לבנה האט דער אייבערשטער באשאפן שני המאורות הגדולים (בראשית א-טז), ביידע זענען געווען גרויס. און די לבנה האט זיך אפגערעדט, אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד (חולין ס:), האט דער אייבערשטער געזאגט, לכי ומעטי את עצמך, דו זאלסט ווערן קלענער, און ער האט קליין געמאכט די לבנה. און נישט נאר סתם קליין געמאכט די לבנה, נאר עס קומט אויס פונעם רמב"ם (הל' יסודי התורה ג-ח), אז די לבנה איז א פערציג'סטל פון דער וועלט, און די זון איז הונדערט און זיבעציג מאל גרעסער פון די וועלט. אז די לבנה איז געווען אזוי גרויס ווי די זון, איז זי געווען הונדערט זיבעציג מאל גרעסער ווי די גאנצע כדור העולם, און היינט איז זי א פערציג'סטל פונעם כדור העולם. די חשבון איז, אז זי איז קלענער געווארן כמעט זעקס טויזנט אכט הונדערט מאל פון וואס זי איז געווען פון פריער. דאס איז טייטשט, אז זי האט באקומען א געזונטן פאטש פונעם אייבערשטען. זי האט זיך אפגערעדט אז מען קען נישט משמש זיין בכתר אחד, לכי ומעטי את עצמך.

אבער דער אייבערשטער האט געזעהן, אז עס האט נישט געשמעקט פאר די לבנה, איז געגאנגען דער אייבערשטער און ער האט מפייס געווען די לבנה. מיט וואס האט ער איר מפייס געווען. ער האט איר געגעבן די כוכבים. אז ווען זי גייט ארויס, גייט זי ארויס מיט טויזענטער שטערנ'ס. א רבי מיט טויזנטער חסידים. ווען זי גייט ארויס, איז זייער שיין די פארנעם פון די לבנה, ווי אזוי זי גייט ארויס אויף די וועלט. און דאס איז געקומען א פיוס פארן פאטש וואס זי האט באקומען פונעם אייבערשטען.

און דאס איז די עבודה פון מחנכים. מחנכים דארפן געבן פעטש, אבער פאר יעדן פאטש דארף קומען דערצו כוכבים ארום און ארום, מפייס צו זיין אויף א געוויסן וועג, אויף דעם וואס מען האט אים געשטראפט. איז וועגן דעם זענען די מצדיקי הרבים ככוכבים לעולם

איך האב פארציילט נעכטען, אז איך האב געהאט א פעטער רבי משה ארנסטער, דער מחותן האט אים נאך גוט געקענט, ער האט געהאט א שוואגער רבי יוסף, א אונגארישער יוד. איך בין געווען א בחור, און איך האב געלערנט בשר בחלב, און איך קום אריין צום טאטען אין שטוב, און ער איז געשטאנען און געווארט אריינצוגיין צום טאטען. רופט ער מיך צו, און ער זאגט מיר, מענדעלע וואס לערנסטו. זאג איך אים, יורה דעה. פרעגט ער, וואו. זאג איך אים, בשר בחלב. איך האב געטראכט וואס ווייסט ער, אפשר ווייסט ער דעם פסוק לא תבשל גדי בחלב אמו..., פרעגט ער מיך וואו, האסט שוין געלערנט סימן פ"ז. זאג איך, יא. פרעגט ער מיר, אויב איך האב איינגעווייקט א שטיקל פלייש אין מילך אויף פיר און צוואנציג שעה, מעג איך עס פארקויפן, די ערשטע ש"ך דארטן [דבשר בחלב על ידי כבוש ומליחה אינו אסור מן התורה, ובבשר בחלב דרבנן מותר בהנאה]. איך קוק אים אן, א יוד אן א בארד, א בערזע'יאנט. זאגט ער מיך, יא, איך האב געלערנט אין טאשנאד, און אין טאשנאד האט מען געלערנט הלכה, און פון דעמאלטס געדענק איך עס נאך. דאס וואס די בחורים לערנען, דאס געדענקט מען אויף א גאנץ לעבן. גירסא דינקותא (שבת כא:).

**הר"ר בנימין:** רבי משה מרדכי לערנט פאר דא אין ישיבה הלכות בשר בחלב.

**האדמו"ר מוויזניץ:** וואו האלט מען?

**הגרימ"מ:** מען האט שוין געענדיגט די גאנצע, און יעצט חזר'ט מען איבער.

**רבינו:** מען קען זיי שוין פארהערן...

**האדמו"ר מוויזניץ:** די יונגעלייט (לומדי כולל וויזניץ שנבחנו על יו"ד ח"א) זענען געווען ביי מיר, האב איך זיי געזאגט, איך גיי אייך נישט פארהערן, אבער לאמיר אדורכגיין ענינים. ווען מען האט די ענינים קומט מען אן צו אלעמען. דבר שיש לו מתירין איז א ענין אין גאנץ ש"ס. - דער **יד יהודה** איז מאריך, מען זעהט דאך א אינטערעסאנטע זאך, אז המבשל בשבת במזיד איז אסור לו לעולם, און פאר אנדערע איז עס מותר למוצאי שבת. קומט אויס, אז איינער וואס קאכט שבת, און עס האט זיך אויסגעמישט די שטיקל פלייש וואס ער האט געקאכט, איז דאך ביי אים נישט שייך צו זאגן עד שתאכלנו באיסור תאכלנו בהיתר, ווייל עס איז דאך פאר אים אסור אייביג, אבער ביי א צווייטען ער טאר עס נישט עסן, ווייל עס איז א דבר שיש לו מתירין. קומט אויס אז חוטא נשכר, דער וואס האט געקאכט שבת, פאר אים קען עס בטל ווערן, און א צווייטער טאר עס נישט עסן יעצט שבת (עיין **במגן אברהם** סימן שי"ח סק"ב).

איבעראל אין יורה דעה איז דא א 'חתיכה הראויה להתכבד', אויסער סימן ק"א (שמיירי שם מדין חתיכה הראוי להתכבד). אין בשר בחלב איז עס סימן צ"ב, חתיכה נעשה נבילה. אין הלכות תערובות איז עס סימן ק"ה, תתאה גבר אדער עילאה גבר, קליפה, מליח. אין הל' טריפות איז עס די הלכות פון ריאה.

איך האב זיך פארהערט ביי **הרב וואזנער זצ"ל**, קודם האט ער אנגעהויבן מיט ד"ן חנ"ק נפ"ש (סימני טריפות המובא בסימן כ"ט). איך האב פארציילט פאר די יונגעלייט, איך האב זיך פארהערט ביי אים פרייטאג, איך האב זיך אזוי געפריידט, אה פרייטאג איז נישט דא קיין צייט, למעשה האט ער פארהערט א שעה אדער כמעט אנדערהאלבן שעה, זומער אלול, ער איז געלאפן פון איין סימן צום אנדערן. ב"ה ער האט געענדיגט, איך מאך שהחיינו איך בין שוין פטור געווארן, איך גיי ארויס, קלאפט מען ביי די טיר, עס שטייען דארט די דיינים, רבי יעקב מאיר שטערן, רבי שלמה זלמן אולמאן, און זיי האלטן א הינדל וואס האט פיר פיס. און הרב וואזנער רופט זיך אן, מיר האבן דא א נייעם רב, דעם וויזניצער רבינ'ס זוהן רבי מענדל, און ער וועט פסקנ'ן. איך האב געמיינט דעמאלס אז איך לאז מיך אויס..., איך ווייס נישט פון וואו איך האב געהאט די קוראדזש, איך הייב אן צו טאפן און איך זעה אז עס איז פונעם זעלבן מקור, איז דאך כל יתר כנטול דמי איז עס טריפה (**שו"ע** יו"ד נה-ד), זאגט ער איר זאגט, איר זאגט גוט, איר זאגט גוט, תורה מחזרת על אכסניא שלה.

ווען איך האב זיך פארהערט ביי **רבי משה הלברשטאם זצ"ל** די ערשטע שאלה געט ער מיר א פרעג, דא אין ירושלים גייט עס אזוי, מען וואוינט איינער איבערן צווייטען אין די אונגאריש'ע הייזער, מען וואוינט אזוי צוזאמען, איך האב געהאט א שאלה, א פרוי האט געזאלצען די פלייש אין א כלי מנוקב אויף די טעראסע, און א פרוי פון אויבן האט געמאכט ספאנדזש'ע, עס איז געווען דאנערשטאג,

---

ועד, ווייל זייערע עבודה איז, אז ווען מען גיט א פאטש פאר איינעם, דארף מען אים ארומנעמען מיט כוכבים, וואס די כוכבים זאלן מפייס זיין, ער זאל נישט זיין ביי זיך צובראכן. און וועגן דעם באצאלט דער אייבערשטער דעם שכר פאר די מצדיקי הרבים, אז זיי וועלן זיין ככוכבים לעולם ועד.

און עס איז ארויפגעפאלען די וואסער אויף די פלייש. פרעג איך אים, אין די האלבע שעה, צו נאך די האלבע שעה (של זמן המליחה). זאגט ער מיר, זאגט איר. זאג איך אים, נאך די האלבע שעה אדער שעה איז עס מותר, ווייל עס איז שוין נסתם די נקבי הפליטה, אבער פאר די האלבע שעה דארף מען נאכאמאל איבערזאלצען. און תוך כדי דיבור גיב איך מיך א כאפ, און איך זאג אים, אבער איך וויל אייך זאגען איין זאך, עס וועט נישט זיין גוט, ווייל עס איז דא אין דעם אקינאמיק"א (בליט"ש), און חמירא סכנתא מאיסורא, קען מען עס נישט נוצן. געט ער מיר אזא קלאפ, דאס איז א רבי'ש קינד.

אבער מיט דעם אלעם, איך מיין אז הלכות שבת איז אפשר שווערער פון יורה דעה. עס האט נאר איין מעלה אז עס איז געטיילט, יעדע מלאכה עקסטער. שהייה והטמנה עקסטער, הלכות מוקצה עקסטער. איז עס אביסל לייכטער. אבער דער **מגן אברהם** איז א גרויסער קצרן, און מען דארף צולערנען די **מחצית השקל**.

**הגרימ"מ:** דער טאטע לערנט פאר יעדן טאג הלכות שבת פאר די בחורים.

**הר"ר בנימין:** מען לייגט עס אריין פאר די בחורים אין מויל אריין. עס איז מונח בקופסא פאר די בחורים. אז מען לערנט עס אזוי פאר, איז עס נישט אזוי שווער.

**האדמו"ר מוויזניץ:** עס איז זייער וויכטיג היינט צו לערנען הלכה. איך האב אמאל געטראפען אין צפת א חשוב'ער יונגערמאן, א פאנאוויטש'ער תלמיד. פרעג איך אים, וואס האסטו אלץ געלערנט אין ישיבה? זאגט ער מיר, די דריי בבות. האב איך אנגעהויבן צו רעדן מיט אים אין בבא קמא, אביסל אין ארבעה אבות. פרעג איך אים, הלכה קענסטו אויך. זאגט ער, ניין, איך האב עס נאך אין מיין לעבן נישט אנגעקוקט. פרעג איך אים, דו האסט נישט געלערנט אורח חיים, יורה דעה, די צווייטע חלק. זאגט ער מיר, בקיצור.

אין די אונגארישע וועלט איז געווען הלכה זייער שטארק. איך האב ביי מיר אינדערהיים צוויי דריי ביכלעך וואס מען האט געלערנט אין סעקעלהיד אין ישיבה אויף סוגיות, סוגיות פון רוב וחזקה און נאך סוגיות. אין נייטרא האט מען געלערנט הלכה?

**רבינו:** ניין.

**האדמו"ר מוויזניץ:** עס איז דאך געווען א אונגארישע ישיבה.

**רבינו:** ביינאכט האט יעדער געקענט לערנען וואס מען וויל. און עס איז געווען אטייל וואס האבען דעמאלטס געלערנט הלכה. אבער עס איז נישט געווען אין סדר פון די ישיבה.

**הגרימ"מ:** דער טאטע האט יא געלערנט הלכה אין נייטרא.

**רבינו:** איין יאר האב איך געלערנט יורה דעה א גאנצן טאג. מיר זענען געווען א חבורה פון פיר פינעף בחורים וואס האבן געלערנט צוזאמען[ב].

---

[ב] נעתיק בכאן מתוך שיחת קודש שהשמיע **רבינו שליט"א** לבני הכולל בוומסב"ג (יום ג' פרשת לך לך תשס"ח), ואלו תוכן דבריו: צריך שיהיה לכל אחד ואחד שאיפה לגדלות, ואם אין לבן תורה שאיפה להתגדל ולהיות מורה הוראה בישראל אזי לא יגיע לכלום. בודאי שילמוד זעיר שם וזעיר שם, אבל אם אין לו המטרה אשר רוצה להגיע אליה, אזי חסר אצלו העול לסיים את לימודיו בשלימות. ואם רוצה להתעלות צריך שיהיה לו שאיפה להיות מורה הוראה בישראל, ואז הוא חוזר תמיד על לימודו, ורוצה לידע אותם על בוריים עם כל פרטיה ודקדוקיה, ומעיין בספרי שו"ת במה שנוגע ללימודו, כדי שכאשר ישאלו לו דבר ידע במה הדברים אמורים. ואם אומר בלבו הרי בן כולל אני, וממילא אלמוד רק איזה שנים בכולל, ומה שאלמוד הרי הוא הכל ריוח, אז לא יגיע לעולם לידע היטיב בטיב הדברים ולהגיע לשלימות הענין. ובעת חזרה על הלימוד צריך שידמה בנפשו כאילו מציעים לפניו משרה, וצריך לבחון את עצמו על לימודיו, ואז ילמוד בכל פרטי הדין עם הנושאי כלים שידע אותם הדק היטב.

אני אומר הרבה פעמים לפני הבחורים, שכאשר למדתי בישיבה בשנות בחרותי, בהיותי בגיל י"ז או י"ח שנים, היה לי חברותא שלא במסגרת הישיבה ללימוד שלחן ערוך יו"ד ח"א, מתחילה למדו לימוד הזה ב' בחורים ואחר כך נתוספו עוד ב' בחורים ללימוד שלחן ערוך יו"ד, ולא היה אצל מי לשאול בביאור הלימוד, ולא התקיים מעולם שיעור על זה, והיו צריכין לעמול בעצמו בלימוד השלחן ערוך, אולם בהיות רצוני וחשקי לסיים יו"ד ח"א עוד בימי בחרותי, כאשר ביקש ממני **אבא מארי זצ"ל**, על כן למדתי שלחן ערוך יו"ד משך זמן חורף אחד, וגם קצת מזמן הקיץ עד חג השבועות, וסיימתי במשך זמן הלזו כל הלכות טריפות מליחה בשר בחלב ותערובות, ועמדתי על כור המבחן אצל הרבנים גדולי תורה [הגאוה"צ מטשאקעווע, פאפא, ריסקאווא, פראנקפורט זללה"ה].

וזאת היתה על אף שלא הייתי נחשב בישיבה מהבחורים היותר טובים, נישט פון די בעסטע קעפ, ולא מהעילויים שבישיבה, רק הייתי בחור רגיל (דורכשניטליכער בחור) אולי קצת יותר אבל לא הרבה, אלא שהיתה ברצוני לסיים את לימוד יו"ד ושאפתי לזה.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מויזניץ:** עפעס א גוטע ברכה, איך בין דאך געווארן אן עלטער זיידע.

**רבינו:** איך וויל קודם מקבל זיין...

**האדמו"ר מוויזניץ:** דער אייבערשטער זאל העלפן, דער מחותן זאל זעהן נחת פון די אייגענע קינדער, און פון אלע תלמידים, די זענען אלע בנים, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**רבינו:** דער מחותן זאל אויך זעהן אסאך שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, לאנגע געזונטע יארען, און מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת.

**ונשארו ביחידות למשך חצי שעה, אחר כך עברו בחורי הישיבה לברכת שלום, וליוהו רבינו בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

***ערב שבת קודש פרשת עקב***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **מנחם בריעף** הי"ו, שהתקיים בשכונת ראזמאנ"ד. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

*

***שבת קודש פרשת עקב***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע** (מתוך הספר שיח זקנים ח"י). בברכת המזון נתכבד הר"ר **ישראל אשר פראמאוויטש** הי"ו.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**די** וואך איז די יארצייט פונעם הייליגען **בעלזער רב זי"ע** פון ירושלים. נאך די קריג ווען מען האט צוגענומען אלע צדיקים, האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט א מספר פון צדיקים, וואס זאלן זיין א דוגמא פאר די וועלט ווי אזוי א צדיק האט אמאל אויסגעקוקט. דער בעלזער רב זי"ע איז געווען כמעט פון די איינצעלנע וואס איז געווען אינגאנצן אויסגעטון פון די וועלט. ער האט כמעט נישט געהאט קיין שייכות מיט עולם הזה, אזוי ווי די גמרא (כתובות קד.) זאגט אויף רבינו הק', אז ער האט נישט נהנה געווען פונעם עולם הזה אפילו באצבע קטנה. ער האט קוים געגעסן, קוים געשלאפן. דער גאנצער בעלזער רב האט נישט געוואויגען קיין הונדערט פונט. ער איז געווען אויסגעדארט. ווען ער האט געגעסן זענען אים די האלבע מאכלים ארויסגעפאלען פונעם מויל, ער האט נישט געקענט אראפשלינגען און פארדייען געהעריג. ער איז געשלאפן ווייניג, רוב טאג איז ער געזעסן אויפן בענקל פארמוח'ט, מיט א דביקות אינעם אייבערשטען. ער איז געזעסן אויף זייער א פשוטן בענקל, ער האט נישט געהאט א בענקל מיט א אנכאפער, נאר ער האט געהאט א פשוטן האלצערנעם בענקעל וואס מען האט זיך נישט געקענט אנלאנען אויף די צוויי זייטן, און ער איז געזעסן נאר אויף די האלבע פונעם בענקל, און ער האט זיך קיינמאל נישט אנגעלאנט די רוקן. מען קען נאך זעהן אז די האלבע בענקל איז אפגעריבן, אויף די פלאץ וואו ער איז געזעסן, און די איבריגע גלאנצט נאך, אזוי ווי ווען מען האט עס געקויפט. ער איז קיינמאל נישט געזעסן אנגעלאנט.

*

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטען ז"ל**, אז ער איז אמאל געווען מיט זיין פאטער, דער **סערדאהעלער רב זצ"ל**, ביים **בעלזער רב** ווען ער איז געווען אין באד. דער בעלזער רב פלעגט צו פארן זומער אין באד, עס איז געווען א שטעטל וואס האט געהייסען טשילקע, און מיין טאטע איז אהינגעפארן אויף א שבת צום בעלזער רב. און דער גבאי האט געהייסען ר' אהרן יהושע, און ער האט געזאגט פארן זיידען, דער בעלזער רב קומט אהער אין באד, איך ווייס נישט פארוואס ער קומט. ער זיצט א גאנצן טאג אין שטוב מיט צוגעמאכטע פענסטערס, עס איז נישט אפען די פענסטערס אז עס זאל אריינקומען לופט, און דאס קען ער טון אינדערהיים אויך. און ווען מען פלעגט אים צו פרעגן, פארוואס איז דער רבי געקומען, אויב דער רבי עפענט נישט אפילו די פענסטערס. פלעגט ער צו זאגען, אז די לופט אין טשילקע איז אזוי גוט,

---

וכאשר ישנתי על מיטתי בלילות חלמתי מדפי השלחן ערוך, באשר ידעתי כל דף ודף בעל פה ולציין היכן הש"ך והט"ז וכו' מרוב החזרה שחזרתי על לימודו, ורק על ידי השאיפות שרוצים להתגדל לגדול בתורה מגיעים לשלימות העבודה ע"כ.

אז עס קומט אריין מיט צוגעמאכטע פענסטערס אויך, און מען דארף נישט עפענען קיין פענסטער דערפאר. דאס איז געווען פרייטאג.

**שבת** בייטאג זאגט דער גבאי ר' אהרן יהושע פארן זיידען, אז די נאכט איז געווען א נייעס. ווען דער רבי איז אהיימגעקומען פון טיש פרייטאג צו נאכטס, האט ער געהייסן אז מען זאל עפענען די פענסטער. האט מען שוין געמיינט אז ער גייט שעפן לופט. ווען מען האט געעפנט די פענסטערס, איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער, און ער האט געגעבן א שמעק די לופט אזוי ווי מען שמעקט בשמים, און ער האט זיך אנגערופן, די לופט איז דא אזוי גוט, אז מען דארף זיין א מבין אויף די לופט, און ער האט געהייסן צומאכען די פענסטער. דאס איז געווען די באד וואס ער איז אוועקגעפארן זיך אפרוען.

*

**דער** בעלזער רב האט קיינמאל נישט גענומען קיין געלט אין דער האנט, נאר צוויי מאל אין יאר האט ער געהאט געלט אין דער האנט, חנוכה און פורים. חנוכה אזוי ווי עס איז א מנהג צו געבן חנוכה געלט, האט ער געגעבן פארן גבאי חנוכה געלט, אויך נאר איינגעוויקעלט אין א האנטוך, ער האט נישט אנגעכאפט דאס געלט אליין. און נאכדעם האט ער זיך געוואשען די הענט ווייל ער האט צוגערירט צו געלט. און ביי מחצית השקל איז געווען די איינציגסטע מאל וואס ער האט גענומען געלט אין דער האנט, אריינצולייגען א מחצית השקל. אויסער דעם האט ער קיינמאל נישט צוגערירט צו געלט.

**איך** האב געהערט פונעם **קאלוב'ער רבי זאל זיין געזונט**, אז ווען ער איז געווען א בחור, און ער האט געלערנט אין ישיבה, פאר ער איז אוועקגעפארן האט ער געוואלט אז דער רב זאל אים בענטשען א מטבע. דער בעלזער רב פלעגט צו בענטשען געלט, אבער נישט קיין געלט פון ארץ ישראל, און נישט קיין געלט פון שווייץ, ווייל די שווייצער געלט האבן אויף זיך א צלם. מען האט געדארפט נעמען א מטבע פון א אנדערע מדינה, און אויב עס האט געהאט א צורה אויף זיך, האט די צורה געדארפט זיין אראפגעבויגען אויפן טיש, נישט אויף ארויף, און צוגעדעקט מיט א טיכל. און ער האט ארויפגעלייגט די הענט דערויף, און אזוי האט ער געבענטשט. האט דער קאלובער רבי דערציילט, אז ער האט נישט געוואוסט פון די אלע פרטים ווי אזוי מען דארף צו לייגען די מטבע, האט ער אונטערגעלייגט א מטבע פארן רבי'ן, אז דער רבי זאל עס בענטשען. און ער האט עס ארויפגעלייגט אויפן טיש, און עס איז געווען צוגעדעקט, און עס איז געווען א שווייצער מטבע. און דער בעלזער רב לייגט ארויף די הענט דערויף, און ער האט תיכף אויפגעהויבן די הענט, אז ער זאל עס אראפנעמען פונעם טיש. ער האט מרגיש געווען אז עס איז דא א צלם אויף די מטבע.

**דער** אייבערשטער האט אונז איבערגעלאזט צדיקים, אז מען זאל זעהן ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן א צדיק, מען זאל האבען א השגה ווי אזוי מען דארף אויסקוקען. ער איז געווען א פרוש פון אלע עניני עולם, רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם.

*

בימי המלחמה גר **הרה"ק רבי יצחק מוויעליפאלע זצ"ל** איזה זמן בעיר ווישניצא, בעת שהיה שם **הרה"ק מהר"א מבעלזא זצ"ל**. ופעם התנצל לפניו שכבר נהרגו בני משפחתו. חבקו הרה"ק מבעלזא ואמר לו, איך בעהט איך, האט נישט קיין טענות, איך האב ב"ה געגעבן צושטייער א טייערע קרבן, מיין רבי משה'לע.

**והוסיף רבינו:** דער **בעלזער רב** האט ל"ע א געוואלד מיטגעמאכט. זיינע קינדער זענען נישט געווען גערויטענע קינדער. די טעכטער זענען געווען שטומע, זיי האבען נישט געקענט רעדן. איין זון האט ער געהאט, רבי משה'לע, וואס ער איז געווען א געלונגענער יונגערמאן. איידימער האט ער געהאט גאר חשובע. זעהט אויס אז זיי האבן חתונה געהאט אפילו מיט שטומע, כדי זיי זאלן קענען אריינקומען צום בעלזער רב אין שטוב. און זיי האבן געהאט זייער געראטענע קינדער, די אייניקלעך פונעם בעלזער רב זענען געווען זייער געראטן.

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל** אז ווען ער פלעגט צו פארען אויף בעלזא פלעגט ער איינצושטיין ביי א איידעם, רבי שמואל פרענקל. דעם רבי משה'לע האט מען גע'הרג'ט נאך אין

בעלזא, און דער בעלזער רב, אנשטאט זיך אפצורעדן האט ער געזאגט, ב"ה איך האב אויך צושטייער געגעבן א קרבן.

*

הרב רבי יעקב יוסף הערמאן זצ"ל היה פעם אצל **הרה"ק מבעלזא זצ"ל**, והיה בדעתו לשאול אותו מדוע הוא מתפלל בשעה מאוחרת. כשנכנס אמר לו המשמש שהמנהג הוא לכתוב פתקא, וכתב. בעת שקרא המשמש את הפתקא באזני הרה"ק מבעלזא, אמר הרה"ק מבעלזא נא. לא הבינו כוונתו, וקרא המשמש בפניו את הפתקא פעם שנית, ושוב אמר הרה"ק נא. עד שראו שרבי יעקב יוסף טעה בשמו של אחד שנזכר בפתקא.

כיון שראה הרב רבי יעקב יוסף שהרה"ק מבעלזא הוא בעל רוח הקודש, שוב לא הרהיב עוז בנפשו לשאול אודות התפלה בשעה מאוחרת, והלך לדרכו. קרא לו הרה"ק שיחזור, ואמר לו, איר ווילט נאך עפעס, וואס ווילט איר. וענה מה שהיה בדעתו לשאול את פיו. אמר לו הרה"ק, יש שני סוגים של תפלה, יש תפלות שמתפללין שלש פעמים, שחרית, מנחה, וערבית, ויש שמתפללין כמו שאמר רבי יוחנן, הלואי שיתפלל אדם כל היום (ברכות כא.), אני מאותן שהלואי שיתפללו כל היום.

**והוסיף רבינו:** דער **בעלזער רב** ווען ער האט געדאווענט שפעט, פלעגט ער צו זאגען, איך האב נישט אנגעהויבן שפעט צו דאווענען, נאר איך האב נאכנישט געענדיגט. ער האט שוין אנגעהויבן צו דאווענען פון ווען ער איז אויפגעשטאנען, און ער האלט נאך אינדערמיט, ער האט נאכנישט געענדיגט צו דאווענען.